גראַף שטשאַוויע

ער האָט גאָר געחלומט פון אַ לעבן, ווו די פרנסה גייט פון זיך...

גראַף שטשאַוויע

זוסקע דער פּאַריקמאַכער איז געווען אַ יונג אַ פּראַנט. ער איז ניט אַרויס אין גאַס אָן אַ רעקל. אויף זיינעם אַ שוך איז ניט געלעגן קיין שפּרינגקעלע. אַלע נאַכט האָט ער געפּרעסט די הויזן אונטער מאַטראַץ. איצט איז ער געשטאַנען קעגן שפּיגל ביי זיך אין פּאַריקמאַכערסקע און געשאָרן די וואָנצן. אין פּאַריקמאַכערסקע איז קיינער ניט געווען, האָט ער געהאַט צייט זיך אָפּצוגעבן מיט יעדן האָר באַזונדער. די וואָנצן זענען געווען זיין שטאָלץ. אויף גיטקע־טויבעס זאַווולק, ווו ער האָט געוווינט און געהאַלטן זיין ראַזורע, האָט מען געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ מאַנצביל מיט אַ פּאָסטאַווע. זוסקע אַליין איז אויך געווען זייער צופרידן מיט זיין אויסזען, אָבער דאָס לעבן איז אים ניט איינגעגאַנגען. ס׳האָט אים געעקבערט וואָס ער דאַרף היניען אין אַ פּאַריקמאַכערסקע. ער האָט גאָר געחלומט פון אַ לעבן, ווו די פּרנסה גייט פון זיך, און אַליין איז מען פאַרנומען מיט לופטיקע ענינים. זיין טאַטע, אַרטשיק דער קאָמאַשנמאַכער, האָט אים אַזוי פאַרסמט. יענער האָט אַלץ געטאָן, דער זון זאָל זיך ניט פּאַטשקען ביי די כאָלעוועס. ער האָט אים אָפּגעגעבן אויף דער לער צו בענדלען אין פּאַריקמאַכערסקע, וואָס אויפן מיטן דייטשע גאַס. דאָרט האָט זוסקע פאַרזוכט דעם טעם פון אַ ווייסן כאַלאַט און אַן אינטעליגענט וואָרט. ביי בענדלען איז אַריינגעקומען דער העכערער גראַד, ווי טראָצקי פון אָלעיאַרניע, דער באַנקיר בונימאָוויטש, דאָקטאָר פּערגאַמענט. אויך גאַסטראָלאָרן פונעם יידישן טעאַטער האָבן זיך דאָרט געשאָרן. ס׳איז געווען אַן ערנסטער געשעפט. ביי בענדלען האָט מען ניט דערציילט קיין כאַכאָטנע וויצן און ניט געגרימפּלט אויף מאַנדאָלינעס. זוסקע האָט געצויגן די בריטווע איבערן רימען און זיך צוגעהערט צו סאָלידע רייד. ער האָט זיך אויסגעלערנט באַלעבאַטיש אָפּהוסטן און פאַרבינדן ריכטיק דעם קראַוואַט. פון דאָרט איז ער אַרויס אַ פאָלנער מענטש.

מיט פּעסלען האָט ער ניט מצליח געווען. זי איז געווען פאַר אים צו פּראָסט. פּעסל האָט אויך געהאַט אירע טענות. זי האָט זיך גוט אָנגעמאַטערט מיט אים. זוסקע האָט געהאַט מאָדנע וויכאָדקעס. זי האָט געמוזט צוליב אים

שטיין טעג ביי דער באַלייע. צוויי מאָל אין וואָך האָט זיך אים געוואָלט בייטן אַ העמד. זי פלעגט אים ניט קאָנען אָניאָגן מיט די שקאַרפּעטקעס. ס׳איז איר זייער שווער געווען. איז זי אַוועק. אַפילו דער רוזעלער רב האָט פאַרשטאַנען אירע טענות. נאָכן גט האָט זיך זוסקע געקויפט אַ פּורפּור־רויטע באָנזשורקע און אַ פּאַפּוגיי. די ערשטע צייט האָט ער געבראַכט דעם פויגל מיט זיך אין פאַריקמאַכערסקע, אָבער יענער האָט זיך דאָרט אויסגעלערנט האַדקע רייד, האָט ער אים אָנגעהויבן לאָזן אין דער היים, ער זאָל ניט ווערן צובאַדזאַיעט. אין דער צירולניע זענען אַריינגעקומען קנאַפּע מהותן, אַלץ מענטשן דערונטערדיקע, ווי די הענדלער פון דורכהויף, צי סתם לצים, שניידער־יונגען, וואָס האָבן ניט געקאָנט פאַרוואַרפן אַ נאָט, נאָר געווען גרויסע בריהס אויף מאַכן פון יענעם אויסצודרייען. ס׳איז ניט געווען בענדלס פאַריקמאַכערסקע. ער האָט זיך אַלץ פאָרגעשטעלט גאָר אַנדערש — אי מיט פּעסלען, אי מיטן גיין פאַר זיך. זוסקע האָט געמיינט, אַז פּעסל וועט פאַרשטיין מיט וועמען זי לעבט. מיט דער פאַריקמאַכערסקע, ווידער, איז ער געווען זיכער, אַז ס׳וועלן זיך אָפּרייסן צו אים אַ ביסל בענדלס קונדן. אויף זיין אונטערשערן פלעגט מען דאָרטן וואַרטן אין אַ ריי; אָבער אין גיטקע־טויבעס זאַווליק, אַ מינוט גאַנג פון בענדלען, האָבן זיי שוין ניט געוואָלט אַריין. אויף עפּענען אַ פאַריקמאַכערסקע מער צום פּראָנט האָט ניט געקלעקט פּעסלס נדן. אַ צייט האָט עס אַלץ זוסקען זייער געקרענקט, דערנאָך האָט ער זיך אָנגעהויבן טרייסטן, אַז מען זאָל קערן די בלאַט אויף צוריק, איז זיין פּלאַץ גאָר ערגעץ אַנדערשוו, ניט אין אַ ראַזורע.

*

זוסקע האָט זיך אויסגעפּוצט אין אַ געקעסטלטן אַנצוג מיט נייע שטיוועלעטן, גענומען דעם שטעקן מיט די זילבערנע מאָנאָגראַמען, אַרויפגעטאָן אויפן קאָפּ זיין שוואַרצן קאָטעלאָק, און אַרויס אויפן אָוונט־שפּאַציר. דער גאַנג איז געווען פון גיטקע־טויבעס זאַווליק דורך דייטשע און ווילנער, ביז אַרויף דער מיצקעוויטש־גאַס, צו שטראַלס קאַפע. אויף דייטשע גאַס איז מען שוין צו זוסקען צוגעוווינט, אָבער אויף ווילנער און מיצקעוויטש־גאַס דרייט מען אויס די קעפּ צו אים. פרויען גיבן אַ וואָרף פון זייט מיט אַן אויג, און שוין רודלט זיך אין די ווייבערשע מוחות — ווער קאָן עס זיין?... זוסקע באַמערקט די בליקן. ער הייבט העכער דעם קאָפּ, קוקט, מכלומרשט, אַ פאַר־

הידושטער אויף די מויערן, אַ שטייגער ער גייט דאָ דאָס ערשטע מאָל. אָן אויסגעבאָדענער אין דער אייגענער חשיבות קומט ער אַריין אין שטראַלס קאַפע, ווו עס זאַמלען זיך די סאַמע פּני. זוסקע פאַרנעמט אַ טישל נעבן פענצטער און באַשטעלט אַ האַלבע שוואַרצע. ער זופּט בנעימותדיק זיין קאַווע, דרייט פון צייט צו צייט אַ וואָנץ, און זיין גאַנצער אויפטריט איז כולו ווירדע. ביי די טישלעך שושקעט מען זיך. אַנדערע שטעלן אָפּ דעם קעלנער און פרעגן ווער איז דער גאַסט, אָבער יענער קוועטשט מיט די פּלייצעס. זוסקע זיצט אַזוי עטלעכע שעה און צעטומלט דעם עולם. דערנאָך באַצאָלט ער, לאָזט איבער אַ שיינעם טרינק־געלט און גייט צוריק אַהיים, אויף גיטקע־טויבעס זאַווליק.

*

זוסקע זיצט אין שטוב אַקעגנאיבער דעם פּאַפּוגיי און פּיפּקעט אַ פּייקע. דער רויך וויקלט זיך צום שטייג, און דער פויגל גאָרגלט אַ מיאוסן וואָרט, וואָס ער האָט אונטערגעהערט אין פאַריקמאַכערסקע. דאָס גאַנצע צימער איז פאַרשלייערט אין אַ טונקל־געלבן ליכט. זוסקע האָט זיך איינגעשאַפּט אַ יאַפּאַנישן אַבאַזשור, קאַטאַרן שווערע, און אַ געבלומטע טאַכטע מיט אַ וואַ־ליק. אין גאַנץ גיטקע־טויבעס זאַווליק איז ניטאָ אַזאַ וווינונג. בלויז איין זוסקע האָט אַ השגה אין אַזעלכע זאַכן. ער ווייס, אַז ער האָט ניט ריכטיק פּאַפּאַדזיעט. מיט זיין פאַרשטאַנד האָט ער געדאַרפט וווינען אויף קליין־פּאָהולאַנקע, צווישן די בעסערע באַלעבאַטים. ווער למשל, אויפן גאַנצן געסל, פּאַרשטייט אומצוגיין איבערן שטוב אין אַ באָנזשורקע מיט פּעטליעס?... אָדער ווער האָט זיך געלאָזט אויסנייען דעם לאַטיינישן בוכשטאַב Z אויף אַ טוך נאָזטיכלעך?... צי נאָך אַנדערע פּיר'ונגען, וואָס גיטקע־טויבעס זאַווליק האָט קיין אַנונג ניט דאַרין. און נאָך אַלעם אָנערקענט מען אים ניט. אָט זיצט ער היינט אין שטוב און גייט ניט אין שטראַלס קאַפע. נעכטן האָט ד'אָרט זוסקע געטראָפן דעם באַנקיר בונימאָוויטש מיט נאָך עטלעכע יידן, בענדלס קליענטן. זוסקע האָט זיך זייער טיף פאַרנייגט, אַראָפּגעכאַפּט דעם קאַטעלאָק פון קאָפּ, ווי עס פּאַסט, און זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט גלע־זערנע אויגן. איין בונימאָוויטש האָט, שמייכלענדיק, צוריקגעגריסט. זוסקע האָט באַשלאָסן איבערזיצן עטלעכע אָוונטן אין שטוב ביז ס'וועט זיך איינ־שטילן אין אים די גריזאָטע. ער האָט געזויגן די פּייקע און געטראַכט פון אַ

צייט, ווען ער וועט אַריינגיין צו שטראַלן און די אַלע גרויסע לייט וועלן אים אַנטקעגנקומען און בעטן, ער זאָל זיצן צווישן זיי ווי אַ גלייכער צווישן גלייכע.

*

ביי זוסקען האָבן זיך פֿאַרבראָכן די געשעפֿטן. מען האָט אויפֿגעהערט אַריינקומען צו אים. זיין שטעל און די זויערע מינע האָבן פֿאַרטריבן אַלע קונדן. און טאַקע אַזוי. אַ פֿאַריקמאַכערסקע האָט ליב אַ גלייכווערטל, אַ הלצהלע, און דאָ גייט אום זוסקע אינעם ווייסן כאַלאַט און ענטפֿערט קוים אויפֿן גוט־מאָרגן. דער קונד זיצט אַן איינגעזייפֿטער און ס׳איז אים סומנע אויפֿן האַרצן, ווי ביי אַ כירורג אונטערן מעסער. אויף יידישע גאַס, גלייך נעבן יאָסען פֿון די קוואַס, האָט איינער פֿון ניט־הי געעפֿנט אַ פֿאַריקמאַכערסקע, איז דאָרט אַ פֿאַרגעניגן אַריינצוגיין. ער ראַזירט און די מויל פֿאַרמאַכט זיך אים ניט. אַ מעשה און אַ וויץ, און ווי איז מען געשלאָפֿן, און ווי גייט עס אין יענע זאַכן... די שויבן זשוזשען פֿונעם מענערישן געלעכטער. מען פֿאַרגעסט אויף אַ רגע די צרות. אין אַ שטילערן טאָג מאַכט מען דאָרט אויך אַ קערטל.

זוסקע האָט, חלילה, קיינעם ניט פֿיינט געהאַט. ער האָט בלויז זיך געהאַלטן העכער פֿון דער גאַנצער באָסער קאָמאַנדע. זיי האָבן פֿאַלש אויסגעטייטשט זיין פֿאַרכמורעט פּנים, וואָס עס דאַרף טראָגן, לויט זוסקען, יעדער סאָלידער מענטש. וואַרטנדיק טעג אויף אַ בעסערן קונד האָט ער נאָך מער געהאַט צייט צו טראַכטן, אַז זיין לעבן גייט אין ניוועץ, אַז ער איז פֿאַר דעם יוסטערן גראַד, ווו יעדעס וואָרט האָט אַ האַפּט. דערווייל האָט ער זיך געמוזט קערעווען מיט די פּאָר גילדן, וואָס ער האָט געהאַט אין האַנטווערקער־באַנק. ווי ער האָט זיך ניט געשטיקט און געדריקט, זענען געגאַנגען די הוצאות. זוסקע האָט געהאַט אַ ברייטן פּיר. זיין איינציקע האָפֿענונג איז געווען, אַז ס׳וועט זיך איבערדרייען, ער וועט געפֿינען זיין ריכטיקן פּלאַץ. אפֿשר טאַקע דורך אַ גוטן שידוך. ווייניק בעסערע פּרויען גייען אַריין צו שטראַלן ?... אָט, למשל, בערגערס עלטערע טאָכטער, צי דאָקטאָר פּינס אַלמנה. גאַנץ ווילנע ווייס, אַז זיי זענען צום האַבן.

*

זוסקע איז געווען אין שטראַלס קאַפֿע און געקומען פֿון דאָרט אַ גליק־

לעכער. ווען ער שעמט זיך ניט, דערציילט ער דעם פּאַפּוגיי וואָס ס׳איז געשען. דער פויגל איז געשלאָפן מיטן קאָפּ אונטער אַ פליגל און ניט געזען ווי זיין באַלעבאָס דרייט זיך איבערן קאַמער, און שמייכלט צו זיך אַליין. זוסקע האָט אָנגעטאָן זיין באַנזשורקע, זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן שטייג, און איבערגעחזרט אין זכרון אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט נאָכדעם, ווי ער האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר פון דער קאַפע. דער באַנקיר בונימאָ־וויטש איז געזעסן אַליין ביי אַ טישל. ער האָט געגעבן אַ צייכן זוסקען צו פאַרנעמען אַ שטול נעבן אים. בונימאָוויטש האָט באַשטעלט נאָך אַ מאַרטעל און ביידע האָבן לאַנגזאַם געזופּט דעם געטראַנק. ווייזט אויס, אַז איידער זוסקע איז געקומען, האָט שוין דער באַנקיר באַוויזן אויסצוטרינקען אַליין עטלעכע גלעזלעך. ער איז געווען זייער אויפגעלייגט. ס׳איז אַוועק צווישן אים און זוסקען אַזאַ שמועס:

— ווי גייען ביי דיר די געשעפטן, זוסל?

זוסקע האָט פאַרצויגן אַ ליפּ. ער האָט גלייך ניט געענטפערט. ער איז געווען פאַרנומען מיט אַרומקוקן זיך איבערן זאַל און זען וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף די געסט זיין זיצן מיט בונימאָוויטשן ביי איין טישל. ס׳האָט טאַקע געמאַכט אַן איינדרוק. ער האָט באַמערקט, ווי מען קוקט אויף זיי. אַנדערע האָבן, אַפילו, געהויבן אַ ברעם. אין אַ רגע אַרום האָט זיך זוסקע געכאַפּט, אַז ער דאַרף האַלטן געזעלשאַפט און אָפּגעענטפערט בוני־מאָוויטשן:

— מ... ניט שלעכט... בלויז דאָס וואָס די לעצטע צייט...

— יאָ, ס׳איז באַוווסט... די צייט איז ניט אַזוי געהויבן — האָט אים בונימאָוויטש איבערגעריסן — אָט, למשל, אין דער באַנק...

דאָס ווייטערדיקע האָט דער באַנקיר פאַרטרונקען מיטן קאָניאַק.

אַזוי זענען זיי געזעסן און צוזאַמען פאַרבראַכט. בונימאָוויטש האָט געפרעגט און זוסקע האָט געענטפערט.

— זוסל, פאַרוואָס ביסטו, אייגנטלעך, אַוועק פון בענדלען? מיר דוכט, אַז ס׳איז געווען אַ גאַנץ גוטער פלאַץ.

— איכל אייך זאָגן דעם אמת, פּאַניע בונימאָוויטש. אַ פאַריקמאַכערסקע, מעג זי זיין געניקלט פון אויבן ביז אַראָפּ, איז זי פאָרט פאַריקמאַכערסקע... איז אויב שוין שטיין און מאַכן מולענעס, זאָל זיין פאַר זיך, ניט ביי יענעם. אויסער דעם וואָלט איך וועלן עפּעס גאָר אַנדערש זיין...

בונימאָוויטש האָט געעפנט אויף אים אַ פּאָר צעשמייכלטע אויגן:

— אדרבא, זאָג, זוסל, וואָס וואָלסטו געוואָלט זיין?...

זוסקע האָט זיך מכין געווען צו ענטפערן, האָט אים דער באַנקיר פאַר־כאַפּט:

— און איך וואָלט איצט אויך געוואָלט עפּעס אַנדערש זיין... — און בונימאָוויטש האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט אַזוי הויך, אַז אַלע האָבן אויסגע־ד'רייט צו אים די קעפּ. זוסקע האָט שטיל מיטגעלאַכט אונטערן וואָנץ. פּלוצעם האָט בונימאָוויטש איבערגעריסן זיין געלעכטער און אַ פרעג געטאָן:

— זוסל, דו האָסט ליגן געלט ביי מיר אין באַנק?...

אויפן האַק האָט זיך זוסקע צעטומלט. ער האָט זייער געוואָלט קאָנען זאָגן — זיכער, ווי קאָן עס זיין אַנדערש? — אָבער אַז דאָס האָט זיך ניט געלאָזט, איז אים געבליבן זיך צו פאַרענטפערן:

— מיין קאָנטע איז אין האַנטווערקער־באַנק, אָבער כ'האָב שוין לאַנג געטראַכט אַריבערגיין צו אייך...

בונימאָוויטש האָט זיך דערשראָקן:

— ניין, חלילה, טו עס ניט. ביסטו שוין דאָרט אַ קליענט, איז האַלט זיך ביי זיי...

דערנאָך האָט ער גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— און ביי בענדלען דערמאָנט מען דיין שערן ביז היינט...

מיט דעם האָבן זיי זיך געזעגנט.

*

נאָך זייער שמועס איז זוסקע אומגעגאַנגען ווי אין אַ טומאַן. אויף מאָרגן האָט ער זיך געקויפט אַ נייעם אויסבינדער און אָפּגעפרישט ביי לאַמען פון די היט זיין קאַטעלאַק. אין אָוונט איז ער געזעסן ביי שטראַלן און געהאַלטן די אויגן צום אַריינגאַנג, אפשר וועט אַנקומען בונימאָוויטש, אָבער יענער האָט זיך מער ניט געוויזן.

בונימאָוויטש האָט ליב געהאַט מוזיק. איז ער געזעסן אין די אָוונטן ביים פּאַטעפאָן. יאָרן האָט ער געהאָוועט, ניט געהאַט קיין צייט צו מאַכן אַ חשבון הנפש. האָט ער עס געטאָן די לעצטע צייט, אונטערן שלל קלאַנ־גען, וואָס גרויסע מייסטערס האָבן פאַרקריצט אין די פּלאַטן. דער באַנקיר איז נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל אַדורכגעגאַנגען זיין גאַנץ לעבן און ניט

געוווסט ווו זיך אָפּצושטעלן, כּדי צו קאָנען זאָגן — אָט דאָ האָב איך גע־דאַרפֿט בלייבן. ווען אין באַנק איז אַלץ געגאַנגען כּשורה, האָט אים די מחשבה ניט אַזוי געמאַטערט; אָבער איצט, ווען אַלץ האַלט זיך ביים צע־פֿאַלן, האָט זיך בונימאָוויטש דערמאָנט, אַז ער האָט דאָך אַ מאָל געחלומט צו זיין אַ מוזיקער, אַ פֿידלער.

ער זיצט אין זיין פּאַרטונקלטן קאַבינעט און באַוווּנדערט דעם ריינעם געוועב פֿון די קלאַנגען. אין באַנק האָט זיך אַלץ פֿאַרפּלאָנטערט. פּיפּיקע לייט האָבן אים אונטערגעפֿירט. ער ווייס אַליין ניט, ווי ער וועט אַרויס פֿון דעם אַלעם, אָבער אַרויסגיין מוז ער. דערווייל זיצט ער, דער באַנקיר, און זוכט טרייסט אין אַ סימפֿאָניע, וואָס רעדט וועגן פֿרייד אינעם באַשאַף. נאָר אַנשטאָט פֿרייד ברענגט אים די מוזיק דורכזיכטיקן טרויער. ער זעט דורך אים קלאָר זיין גורל.

בונימאָוויטש הייבט זיך פֿלוצעם אויף פֿונעם פֿאָטעל, פֿאַרמאַכט דעם פּאַטעפֿאָן און לאָזט זיך מיט האַרבע טריט צו זיין שרייבטיש. דאָרט עפֿנט ער אַלע שופֿלאָדן און נעמט זיך אויססדרן פֿאַרשידענע פּאַפּירן. דערנאָך שרייבט ער צו עמעצן אַ בריוו וועגן ענינים, וואָס ער האָט קיינמאָל מיט קיינעם ניט גערעדט.

*

זוסקע האָט גענומען זיין בידנעם קאַפּיטאַל און איבערגעפֿירט צו בוני־מאָוויטשן אין באַנק. ער איז געווען זיכער, אַז בונימאָוויטש האָט אים דאָן, אין קאָפּע, אָפּגערעדט דערפֿון, מחמת האַנאָר. און אים האָט זיך געחלומט אַ חלומל, אַז ער וועט פֿון צייט צו צייט אַריינקומען אין דער באַנק, אַראָפּ־ציִען די געמזענע הענטשקע פֿון דער רעכטער האַנט, און אונטערטראָגן דעם קאַסיר זיין שפּאַרביכל. בונימאָוויטש וועט אים באַמערקן פֿון זיין קאַבי־נעט, וועט ער אים אַריינרופֿן, מען וועט זיך צוזאַמען אונטערהאַלטן, און אַלע אַרום וועלן זען, אַז ער, זוסקע, איז אַן אייגענער מענטש ביי בונימאָ־וויטשן. דאָס אַלץ איז אָבער געבליבן אַ חלום. ער האָט נאָך רעכט ניט באַ־וויזן זיך צוגעוווינען צו דער באַנק, איז זי שוין געווען פֿאַרהאַקט אויף זיבן שלעסער. זוסקע האָט עס ניט געוואָלט גלויבן. די גאַנצע זאַך האָט זיך ביי אים ניט געבונדן מיט אַזאַ פֿאַרנעמען יידן, ווי בונימאָוויטש; אָבער אין שטאָט איז געשטאַנען אַ מהומה. ווייבער האָבן געקלאַפּט מיט די

פּויסטן אין דער דעמבענער באַנק־טיר און געשאָלטן מיט טויטענע קללות. עטלעכע שטאַרקע האָבן צוגעזאָגט קאַשוקן, דער דירעקטאָר פון באַנק, אַז מען וועט אים אַרויסנעמען די קישקעס אַן אַ שלאָף־טרונק, אויב ער וועט ניט דערליידיקן זיי זאָלן צוריק באַקומען זייער געלט. אין זוסקע האָט ניט געקאָנט צוזען די גראָבקייטן, כאָטש ער איז אויך געווען אַ געליטענער. ער האָט ניט געטראָגן קיין האַרץ אויף בונימאָוויטשן, ווער נאָך אַזוי ווי ער, האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָס הייסט אַראָפּגיין פון די געשעפטן. אָט שטייט ער אויך אין אַ ליידיקער פאַריקמאַכערסקע. ס׳קומט אַ הונט ניט אַריין; אָבער מען דאַרף האַלטן פאַסאָן, זיך ניט אונטערגעבן. דער בעסערער מענטש האָט תמיד שאַנסן צוריק אַרויפצושווימען. ווען בונימאָוויטש דערציילט אים דאָן, אין קאַפע, ווי ער האַלט, וואָלט אים זוסקע געמוטיקט. ער וואָלט אים געגעבן אַ משל אויף זיך אַליין.

זוסקען איז, אָבער, ניט באַשערט געווען מער צו ריידן מיט בונימאָ־וויטשן. אַ טאָג איז ער געשטאַנען אויפן שוועל פון דער פאַריקמאַכערסקע, איז פאַרבייגעגאַנגען שיינדל מיטן טאָפּ באָבעס און אים איבערגעגעבן די נייס, אַז בונימאָוויטש האָט זיך גענומען ס׳לעבן. זי איז געווען נעבן דער באַנק, האָט זי עס געהערט פונעם עולם. בונימאָוויטש האָט געוואָלט פאַר זיינע קונדן ווי בעסער, אָבער ער האָט, נעבעך, קיין מזל ניט געהאַט. אויך אים האָבן עטלעכע גרויסע פירמעס אָנגעזעצט. אַלע ווילנער אָרעמע נדנס זענען אים געווען אָנגעטרויט, האָט ער ניט געקאָנט איבערטראָגן די חרפּה.

נאָך בונימאָוויטשעס טויט איז זוסקע געזעסן אין דער היים. ער האָט אָפּגעוואַרט ביז שבעה, דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבן קומען צו שטראָלן. אויפן לאַץ פון זיין ראָק האָט זיך געשוואַרצט אַ סאַמעטן סטענגעלע. זוסקע האָט געטרויערט נאָך דעם באַנקיר ווי נאָך אַן אַלטן, גוטן פריינד.

*

דעם טאָג האָט זוסקע ניט געעפנט די פאַריקמאַכערסקע. אין געסל האָט מען זיך געוווּנדערט. שכנים האָבן געפרעגט איינער דעם אַנדערן, אפשר איז ער קראַנק. שיינדל די באָבעסניצע האָט זיך שוין געהאַט אונטערגענו־מען אַרויפצוגיין צו זוסקען און אָנקלאַפּן אין טיר, האָט ער זיך באַוויזן אין קאַליטקע. זוסקע איז פאַרביי זיין געשעפט ווי אַ פרעמדער. מען האָט אים נאָכגעקוקט וואוהין ער גייט. זוסקע איז אַרויס אויף דייטשע גאַס. ער איז

צוגעקומען ביז בענדלס טיר און געבליבן דאָרט שטיין. ער האָט דאָרט נייטיק געדאַרפט אַריין, אָבער ס׳האַרץ האָט אים ניט געלאָזט. אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט ער שטודירט פאַרן שפּיגל די פּאָזע, מיט וועלכער ער וועט אַריבערטרעטן בענדלס שוועל און בעטן, ער זאָל אים צוריק אָננעמען אויף דער אַרבעט. זוסקע איז געבליבן אָן אַ גראָשן, ריין ביז ניט קאָנען באַצאָלן פאַר דער קאָווע ביי שטראָלן. ער האָט שוין געהאַלטן אין האַנט די קליאַמקע, האָט עס אים אָפּגעוואָרפן אויף צוריק. אָט גייט ער זיך שטעלן אַרבעטן ביי יענעם און פאַלט אַראָפּ אַ גראַד נידעריקער. האָט ער זיך אויסגעדרייט און אַוועק צוריק אַהיים.

*

אַורעמקע דער אַנאַרכיסט איז געזעסן נעבן זיין קרעמל אין דורכהויף, דער פּלאַץ ווו ס׳איז געגאַנגען דער האַנדל מיט אַלטע זאַכן, און געוואַרט אויף קונים. דער דורכהויף איז כמעט געווען ליידיק. בלויז עטלעכע פויער־טעס האָבן זיך געבאָברעט אין אַ בערגל ווייבערשע מלבושים. אַורעמקע האָט אויסגעצויגן די פיס פאַר זיך, אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן, און זיך געגרייט כאַפּן אַ דרימל אונטער דער פאַר־פּסחדיקער זון. האָט ער מיט אַ ווינקל אויג באַמערקט זוסקען, ווי יענער היפּערט מיט אַ בגד אויפן רעכטן אָרעם איבער די קאַלוזשעס וואַסער פונעם לעצטן רעגן. זוסקע האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַורעמקעס קרעמל, אַרויסגענומען אַ פּילצענע שמאַטקע פון דער הויזן־קעשענע, און זאָרגעוודיק אַרומגעווישט די קאַמאַשן. אַורעמקע האָט אים פאַרטשעפּעט:

— רב זוסל, פידל די קאָטקע, וואָס טוסטו אויפן דורכהויף?...

זוסקע האָט זיך צעשטאַמלט:

— איך... גאָרניט... כ׳האָב געוואָלט אַרויסגיין אויף יאַטקעווער גאַס, צו דער וועשעריי... אָט האָב איך דאָ...

אַורעמקע האָט געעפנט ביידע אויגן:

— וואָס האָסטו דאָ?...

— כ׳וויס, כ׳האָב געוואָלט געבן קולביסן אויסוואַשן מיין באָנזשורקע... נאָר אפשר לוינט ניט... דאָ, די פּעטליע דריבלט זיך שוין אַ ביסל...

— ווילסט איר פאַרקויפן?...

— אויב מען קאָן...

אַוורעמקע האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין צעפליקטן פּאָטעל מיט די אַרויסגעקראָכענע פּרוזשינעס, אַ נעם געטאָן פון זוסקען דעם בגד, און אים אויסגעצויגן אין זיין גאַנצן פאַרנעם.

אַ שטילער זשאַסמין־ריח האָט זיך געטראָגן פונעם פאַרפומירטן מאַרגן־ראָק. די פּערלמוטערנע קנעפּ האָבן געשפּילט קעגן דער זון. אַלע פּעטליעס, אויך די פרענדז פונעם גאַרטל — אַלץ איז געווען גאַנץ — אַ פאָדעם האָט ניט געפעלט. אַוורעמקע האָט געצויגן אין זיך דעם גוטן ריח און באַוואונדערט דעם בונטן שטאָף, וואָס האָט זיך אַזוי הייטערדיק געמיניעט קעגן לויטערן הימל. נאָך קרעמער זענען אונטערגעקומען זען אין וואָס אַוורעמקע דער אַנאַרכיסט האָט זיך אַזוי פאַרקוקט. זיי זענען געבליבן שטיין פאַרבליפטע. אַזאַ בגד איז ניט געווען צו זען אויפן דורכהויף. עטלעכע מאָל האָט אַוורעמקע געדרוט דעם מלבוש אין אַלע זייטן, געטאַפּט דעם זיידענעם אונטעדשלאַק. דערנאָך האָט ער זיך שטאַרק פאַרטראַכט. אַוורעמקע איז געווען אויפן דורכהויף דער פּוסק אחרון, זענען אַלע קרעמער געשטאַנען אַרום אים און ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. לסוף האָט ער פאָרזיכטיק אויפגעלייגט די באַנזשורקע און איר אָפּגעגעבן צוריק זוסקען מיט אָט די ווערטער:

— זוסל, טראָג עס צוריק אַהיים. אַזאַ זאַך פאַרקויפט מען ניט, ס'איז ניט קיין באָוול.

זוסקע האָט שוין געהאַט געעפנט דאָס מויל אים צו ענטפערן, אָבער אַוורעמקע האָט אים פאַרכאַפּט:

— רייד ניט, טו וואָס איך הייס... — דערביי האָט ער אַרויסגעצויגן אַ צענער־זלאָט פון וועסטל־קעשענע און עס פאַרשטופּט זוסקען אין האַנט אַריין:

— גיי געזונטערהייט. מ'עט זיך אויסרעכענען... איכל קומען זיך שערן...

זוסקע האָט זיך זייער צעטומלט. אַ רגע איז ער געשטאַנען מיטן צענער־זלאָט אין האַנט און ניט געוווסט ווי צו האַנדלען ווייטער. גלייך, אָבער, האָט זיך צעברענט זיין האָנאָר. וואָס מיינט ער זיך עפּעס, אַוורעמקע, ער איז זיינס גלייכן, וואָס ער גייט אים געבן הלוואות? ווי לאַנג איז עס געווען, אַז ער, זוסקע, איז אַריין אין בונימאָוויטשעס באַנק און...

זוסקע האָט געגעבן אַ לייג אַוועק דעם באַנקנאָט אויף אַוורעמקעס פּאָטעל, און זיך געלאָזט צום טויער. אַוורעמקע האָט געגעבן אַ קוק אויפן געלט, דערנאָך אויף זוסקעס אויסגעגלייכטן רוקן, און זיך צעשריען:

— ייִדן, מאַכט אַ וואָרע, גראַף שטשאַוויע גייט! ראַזירן אַוורעמקען דעם אַנאַרכיסט. פּאַסט אים ניט. ער וויל בעסער פאַרהאַנדלען זיין יופע. היי, גראַף שטשאַוויע! טאָמער האַלטסטו ביים פאַרקויפן די קאָרעטע מיט די אַכט פערד, ברענג זיי אויפן דורכהויף...

אַזוי האָט זיך צו זוסקען דעם פאַבריקמאַכער אָנגעקלעפּט דער צונאָמען, וואָס איז יאָרן געלעגן אויף ווילנעס ליפּן. ער האָט ניט געקאָנט איבערטראָגן ד'עם חוזק און עוקר געווען פון גיטקע־טויבעס זאַווליק.

און געווען איז עס אַזוי. אין אַ טריבן פרימאָרגן האָט שיינדל די באָבעס־ניצע געזען ווי זוסקע גייט הינטער אַ וועגל בעבעכעס, מיט דעם פּאַפּוגייס שטייג אין האַנט. ער האָט זיך אַרויסגעקליבן אין עק שטאָט, אויף שקאַפּלערנע, צווישן גויים. דאָרט ווייס קיינער ניט ווער און וואָס. זוסקע האָט געעפנט אַ פאַבריקמאַכערסקע. ער אַרבעט אום שבת. ביי די קעלנערס אין שטראַלס קאַפע איז ער זייער אָנגענומען. זיי טיטולירן אים פּאַניע הראַביאָ. פונוואַנעט האָט זיך עס צו זיי גענומען, איז ניט באַוווּסט. אפשר דערפון, וואָס זוסקע האָט זיי געגעבן אַ מאָל אַ רמז, אַז ער שטאַמט פון אונגאַרן. אויך דאָס טרינק־געלט זיינס איז לויטן העכערן שטאַנד.

עס גייט ווען אַדורך יידישע גאַס אַ שררה מיט גרויע וואָנצן, אָנגע־טאָן ווי פון נאָדל אַרויס. עלטערע דורכהויף־סוחרים קוקן אים נאָך, ווי ער שפּרייזט שווער, זיך אָנשפּאַרנדיק אויף זיין שטעקן, אַ באַצירטן מיט זילבערנע מאָנאָגראַמען. ווען יענער פאַרנעמט זיך צו גיטקע־טויבעס זאַווליק, פרעגט איינער דעם אַנדערן — איז דאָס ניט אַמאָל זוסקע דער פאַבריקמאַכער, און־דזער גראַף שטשאַוויע ?...

ביז וואַנעט זיי באַשליסן צו רופן אַוורעמקע דעם אַנאַרכיסט, ער זאָל אויך אַ קוק טאָן, פאַרשווינדט דער שררה ווי קיינמאָל ניט געווען.